Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

| № 108 | לאָדז, דינסטאג, ד׳ אייר תרצ״ב | צענטער יאהרגאנג | Łódź, Wtorek, 10 maja 1932 r. | № 108 |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאָווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# היינט וועט געוועהלט ווערען
# א פרעזידענט פון דער פראנצויזישער רעפובליק
## די קאנדידאטען זענען: לעברען און פענלעווע

פאַריז, 9. (ספּ. טעל.) היינט וועט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג וועהלען אַ נייעם פרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפובליק אויפ׳ן אָרט פון ערמאָרדעטען פרעזידענט דומער.

באַלד נאָך די וואַהל וועט טאַרדיע איבערגעבען דעם נייעם פרעזידענט די דימיסיע פון איצטיגען קאַבינעט. דער מיניסטעררעט־ראַט האָט בעשלאָסען צו בעטען דעם נייעם פרעזידענט אַז צוליב׳ן אויסגאַנג פון די וואַהלען זאָל ער נישט בעשטימען אין נייעם קאַבינעט קיין איין מיטגליד פון די ראַיצטיגער רעגירונג, ביז דער צייט ווען ס׳וועט זיך נישט צונויפקומען דער נייער פּאַרלאַמענט.

פאַריז, 9. (ספּ. טעל.) בעכטען איז אָפיציעל פערעפענטליכט געוואָרען די קאַנדידאַטור פון סענאַט פרעזידענט לעברען, אויפ׳ן אַמט פון רעפובליק־פרעזידענט. לעברען האָט מסכים געווען אַרויסצושטעלען זיין קאַנדידאַטור.

אין די פּאַרלאַמענטאַרישע קרייזען אַגיטירט מען שטאַרק, אַז קיין שום קאָנטר־קאַנדידאַטען זאָלען נישט געשטעלט ווערען, כדי צו ווייזען די נאַציאָנאַלע איינהייט נאָכ׳ן מאָרד פון פרעזידענט דומער.

הערייאָ האָט זיך נאָך נישט אַרויסגעזאָגט וועגען לעבריענס קאַנדידאַטור, די סאָציאַליסטען האָבען אָבער ערקלערט אַז זיי וועלען שטימען געגען איהם.

דער צווייטער עווענטועלער קאַנדידאַט איז פענלעווע, וועלכער האָט זיך נאָך נישט דעצידירט.

פאַריז, 9. (ספּ. טעל.)

שפּעט אין אָוועבד האָט פענלעווע אויסגעדריקט די הסכמה אַרויסצושטעלען זיין קאַנדידאַטור צו די פרעזידענטען־וואַהלען.

צוזישען שרייבער קלאָד פערער, וועלכער איז פערו ... געוואָרען בעת׳ן אַטענטאַט, אויפ׳ן פראַנצויזישען פרעזידענט דומער, האָט מען נעכטען געמאַכט די צווייטע אָפּעראַציע און אַרויסגענומען ד יקויל פון אָרעם.

זיין געזונד־צושטאַנד איז נישט געפעהרליך.

## דער שווער־פערוואונדעטער פרעזידענט דומער ווערט אריינגעבראכט אין אויטא



## מלוכה־פרעזידענט וועט קומען קיין טשענסטאָכאָוו אויף קוראַציע

טשענסטאָכאָוו, 9. (טעלעפאָניש). ווי מ׳איז דערוויסען זיך וועט אין חודש יוני דער מלוכה־פרעזידענט קומען אויף קוראַציע קיין טשענסטאָכאָוו אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט דאָ געוויילט דער דירעקטאָר פון געזונדהייטס - דעפּאַרטאַמענט ד״ר פּיעסטשיזשעוסקי, צוזאַמען מיט אַן אַדיוטאַנט פון מלוכה־פרעזידענט, וועלכע האָבען קאָנפערירט וועגען אַ גאַנצע רייה פראַגען וועלכע זענען פערבונדען מיט דער אַנוועזענהייט פון פרעזידענט אין טשענסטאָכאָוו.

## 4 פארשלאגען וועגען אונצוטרוי פאר דער דייטשער רעגירונג
### אויף דער נעכטיגער זיצונג פון רייכסטאג

בערלין, 9 (ספּ טעל.) היינט איז געעפענט געוואָרען די סעסיע פון רייכסטאג. די זיצונג איז פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון פרעז. לעבע. ס׳זענען אריינגעטראָגען געוואָרען 4 פאָרשלאָגען וועגען אונצוטרוי פאַר׳ן גאנצען קאַבינעט. ווייטער האָבען די היטלעריסטען אריינגעטראָגען א פאָרשלאג וועגען אָפּשאַפען דעם דעקרעט מיטאנדערצולאָזען די היטלער־אָפּטיילונגען.

## וויצע־מיניסטער קאץ געפאהרען קיין פאריז

וואַרשאַ. 9 (טעלעפאָניש) היינט איז ארויסגעפאָהרען קיין פאריז דער וויצע־מינאַנץ־מיניסטער קאַץ. דער ציל פון זיין רייזע איז ד ווייטערדיגע בעמיהונגען וועגען בעקומען א הלוואה פאר פוילען אויפ׳ן פראנצויזישען מארק.

## די ארעסטאנטען־שיף „טשעקא“ שווימט קיין גדיניע

בערלין, 9. (ספּ. טעל.) לויט מעלדונגען פון קעלן איז די ארגענטינער ארעסטאנטען־שיף „טשעקא“ אָפּגעשווימען קיין גדיניע, אויף דער שיף געפינען זיך 15 ארעסטאנטען פוילישע בירגער, וועלכע וועלען ארויסגעזעצט ווערען אין גדיניע.

## באטא האט רעדוצירט 7000 ארבייטער
### 55 טויזענד שיך טעגליכע איבער־פראדוקציע

פּראַג, 9. (ספּ. טעל.) די גרויסע שיך־פאַבריק באטא לעבט איבער איצט א שווערען קריזיס. ס׳זענען דעריבער רעדוצירט געוואָרען 7000 ארבייטער. די טעגליכע איבערפּראדוקציע פון דער פאבריק בעטרעפט 55 טויזענד פּאָר שיך.

## טעקסטיל־שטרייק אין ביאליסטאק

ביאַליסטאָק, 9 (ספּ. טעל.) דאָ איז אויסגעבראָכען א שטרייק פון די טעקסטיל־ארבייטער, דער שטרייק ווערט אָנגעפיהרט געמיינזאם דורך אלע טעקסטיל־פעראיינען.

## א באמבע פאר׳ן אמעריקאנער קאנסולאט

וואשינגטאָן, 9 (ספּ. טעל.) פאר׳ן בנין פון אמעריקאנער קאָנסולאט אין נאַנקינג האָט מען געוואָרפען א באמבע פּרטים פעהלען.

## מין. זאלעסקי פאהרט קיין פאריז

גענף, (9. (ספּ. טעל.) מיניסטער זאַלעסקי פאָהרט מאָרגען קיין פאַריז, כדי אַנטיילצונעהמען מיטוואָך אין דער לויה פון אַלבער טאָמאַ און דאָנערשטאָג אין דער לויה פון פרעזידענט דומער.

גענף ,9. (ספּ. טעל.) דער טויט פון טאָמאַ און פרעזידענט דומער האָט הערפאָרגערופען דערצו אַז די זיצונגען פון דער פעלקער־ליגע זענען אָפּגעלעגט געוואָרען אויף אַ וואָך.

פאַריז, 9. (ספּ. טעל.) די אַלמנה נאָכ׳ן פרעזידענט דומער האָט זיך געווענדעט צום פרעמיער טאַרדיע מיט דעם וואונש אַז נאָך די טרויער־צערעמאָניעס אין פאַנטעאָן זאָל דער טויטער קערפער בעגראָבען ווערען אין פאַמיליען־קבר.

## קלאוד פארער ווערט געזונד

פאַריז, 9, (ספּ. טעל.) דעם בעקאַנטען פראַנ

## דער קורס פון דאלאר אהן ענדערונג
### „באנק פאלסקי“ צאהלט ווייטער 8,85

וואַרשאַ, 9. (טעלעפאָניש). די שטימונג אויפן דאָלאַר־מאַרק האָט זיך נעכטען בערוהיגט, און די באַנקען ווי אויך אויף דער שוואַרצער בערזע זענען געווען וואָס ווייניגער פערקויפער. די רייהען אין „באַנק פאָלסקי“ זענען אויך קלענער געוואָרען. באַנק פאָלסקי האָט געצאָהלט פאַר קלענערע אָפּשניטען 8.84 און פאַר גרעסערע 8.85. אויף דעם זעלבען קורס האָט מען דעם דאָלאַר געקויפט אין גאַס.

מ׳האָט אויך געצאָהלט פאַר גאָלד־דאָלאַרען האָט מען געצאָהלט 9,08, פאַר פאַפיר־רובעל 87 ...



